מספרי מ. גסטר

# מַקַל חוֹבְלִים

כולל שירי־עם (פאלקס ליעדער)
בלשון המדוברת בין היהודים
בארצות פולין ומאלדויא עם
העתקת לשון עבר

מאת

## בנימין וואלף עהרענקראנץ
## זבאראזער

בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי ירושלם

---

## דֶער רֶבִּי ר׳ בֶער

פאלקס ליעדער אין יודישדייטשער שפראכע
מיט העברעאישער איבערזעצונג פערפאסט
פאן

## וועלוויל זבאראזער

# Makal Chowlim.

Verlag des Wolf Ehrenkranz.
Nachdruck vorbehalten.

בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי ירושלם

**Przemyśl 1869.**

Druck von A. Lévay.

# פערצייכניס


1 דעם רבין ר׳ בער שגעון

2 דיא סאדיגערער חסידים קינות

3 דער זכות

4 דער בעל תשובה.



R53A427

H91:H12:296.671

# קול קורא

פגש **דוב** שכול באיש ואל כסיל באולתו (משלי י"ז י"ב).

**אשריך** דוב אשריך! אשר קמת כגבור לוחם מתכונן לקראת נשק, ויראת אלהים הרהובה בנפשך עוז ללחום מלחמת האמת, ולהוריד גאון השקר להשפילהו ארצה; אצבע אלהים הוא סלה! אלהים האציל מרוחו עליך, וישם לבך כגור ורוח כרוח דוב שכול, לבלתי תת חנינה לכסילים הבוערים, מורים תועים ומתעים ומדיחים את עם־ישראל, לך מטה זעם, לך **מקל־חובלים**, להוריד כלאם להכותם על פניהם, ותקרע מסוה הצדק והענוה אשר שמו להם ויראה כחשם בפניהם ויגלה קלונם וחרפתם לעין השמש. ולמען ד' למען האמת, ולמען הכלל נפשות בית ישראל אשר היו לשלל לבודדים האלה, ולא אמרת הכי אחי הוא איכה אתן 13 דופי ־ רוח ד' דבר בך, ותען ותאמר: סורו מעלי אנשים הרשעים האלה! ומי לד' אלי! ומי אשר לו לב להבין ושוחר אמת ורודף צדק, יאמר כי עם אלהים עשית את הדבר הזה, ויסירו מאחרי התהו והבל נביאי שקר אלה המדיחים את צאן ישראל התועים ולוכדים ברשת ערמתם את העם ההולכים בחושך לא ראו אור. אתה אורם ישעם אתה, פקחת את עיניהם למען יחזו שמש, יראו השקר ערום וקלון רגלים, והאמת כחבצלת פורחת, וגם החסידים החשוכים חסרי־דעת אלה יאמרו הפעם אברהם יעקב, עקב יעקב, ומרדכי לא יקרא עוד מרדכי כי אם המן. ועלינו יושר השיר לאמר: הכה זאב באלפיו, ודוב ברבבותיו! ולכבודך ברתי השירה הזאת להיות לכבוד ותפארת, ולאחיך בני בליעל לחרפת כ"א ולדראון עולם יראו ישרים וישמחו ועולתה תקפץ פיה.

**לבוב** בראשון לחודש **תמוז התרכ"ט** ליצירה.

**המחבר**

# דֶעם רֶעבִּינְס שְׁגָעוֹן

1.

נוּר דִיא גָאט אַלֵיין
נוּר דִיא וֵויסְט מַיין זִין
נוּר דִיא קֶענְסְט פַארשְׁטֵיין
וִויא אוּמְגְלִיקְלִיךְ אִיךְ בִּין
מִיר אִיז גָאר נִישְׁט לִיעֶב דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט
הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גְוֶוען לַאנְג גֶעשְׁטָארְבֶּען
מִיר אִיז גָאר נִישְׁט לִיעֶב מֵין גַאנְצֶעס גֶעלְד
וֵויל אִיךְ הָאבּ עֶס אַלֵיין מִיר נִישְׁט עֶרְוָוארְבֶּן
עֶס אִיז נִישְׁט פִּין מַשָׂא וּמַתָּן
דָאס וָואס אִיךְ פֶּערְמָאג
עֶס אִיז גָאר פִּין דֶעם טַאטֶ'ן
עֶס אִיז נָאר פִּין בֶּעטְרָאג
דֶער טַאטֶע אִיז שׁוֹן אוֹיף דֶער אֱמֶתֶ'ר וֶועלְט
עֶר זָאל זִיךְ פַאר אוּנְז מֵיהֶן
הַלְוַאי וָואלְט עֶר גְוֶוען דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד
זִיךְ מִיט גֶענִימֶען אַהִין

2.

אִיךְ וֵויים עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶע זִינְד
אִיךְ הָאבּ דֶערפִין גְרוֹים לַיידֶען
אַז אֵיין אֵייגֶען קִינְד
זָאל אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם פָּאטֶער רֵיידֶען
אִיךְ שְׁוֶוער אֵייךְ אָבֶּער צִינְר בַּיי מַיין לֶעבֶּען
אִין שְׁוֶוער אֵייךְ בַּיי אַלֶעם וָוס מִיר אִיז טַייֶער
אַז דָם שְׁטִיקֶעל אֱמֶת וָוס גָאט הָט מִיר גְגֶעבֶּן
בְּרֶענְט אִין מַיין הֶערְצֶן וִויא אַהֶעלִישׁ פַייֶער

# שִׁגָּיוֹן לְדוֹב

ע״מ שבע ועשר ושבע ומלעיל •

א

הַיוֹשְׁבִי בַּשָּׁמַיִם
לִבִּי הִנְּךָ יוֹדֵעַ
אֵיכָה נָמֵס כַּמָּיִם
כִּמְעַט אֲנִי גוֹוֵעַ
מַה בֶּצַע בְּחַיַּי וּמַה תּוֹעֶלֶת
לוּ כְּבָר גָּוַעְתִּי אָז לִי מָנוֹחַ
בְּהוֹנִי וּבְעָשְׁרִי נַפְשִׁי בוֹחֶלֶת
נַחֲלַת זָרִים הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ
בְּנַחֲלָה לֹא עָמַלְתִּי
וּבְמִשְׁפָּט בַּל הָגָה
מֵהוֹרַי אַךְ נָחַלְתִּי
הַשֶּׁקֶר הוּא בְעָלֶיהָ
אָבִי חָלַף וְאֵינֶנּוּ
גָּוַע וּמֵת לַשָּׁחַת
לוּ לָקַח גַּם כַּסְפֵּהוּ
אוֹ אָז מָלֵאתִי נַחַת

ב

וּמְאֹד נַפְשִׁי יוֹדַעַת
עָוֹן פְּלִילֵי דִגֵהוּ
לָשׁוּם בְּאָב מִגְרַעַת
תּוֹרָה צִוְּתָה לְכַבְּדֵהוּ
הֲרִימוֹתִי יָדִי כִּי נִשְׁבַּעְתִּי
אַחַי ! אֵין אִתִּי רוּחַ אַחֶרֶת
כִּי מֵעוֹדִי שֶׁקֶר לֹא יָדַעְתִּי
רֶשֶׁף אֱמֶת בְּחֻבִּי אֵשׁ בּוֹעֶרֶת

אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט עֶרטְרָאגֶען
זַיי וֶועלִין מִיךְ נִישְׁט בְּלַאטֶען
אִיךְ מִיז דֶעם אֶמֶת זָאגֶען
אוֹיף מַיין אֵייגֶענֶעם טַאטֶען
וֶוער עֶס הָאט נוּר אַגְלוֹיבֶּען
טִיט נִישְׁט אַזַא זַאךְ
מֶען זָאל דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט בֶּערוֹיבֶּען
מֶען זָאל וֶוערֶען רַייךְ ·

3.

בֶּעטְרַאכְט נוּר דָארְט דִיא קְלִיגֶע
זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעגֶען מִיר פֶּערשְׁווָארֶען
אִין זָאגֶען אִיךְ בִּין מְשֻׁגָע
אִיךְ הָאבּ דֶעם שֵׂכֶל גָאר פֶּערלָארֶען
מְשֻׁגָע זָאלְלֶען נוּר דִיא מֶענְשֶׁען וֶוערֶען
וָואס זֵייא זָאגֶען אַז אִיךְ בִּין גָאר פַארְרִיקְט
דֶער מוֹחַ זָאל זִיךְ זֵייא אִיבֶּערְקֶערֶען
וָואס זֵיי זָאגְן אַז אַשְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אִין מִיר לִיגְט
אִיךְ בִּין קְלָאהְר וִויא דֶער טָאג
מֵיין שֵׂכֶל אִיז נִישְׁט טְרִיעֶבּ
אִיךְ הָאבּ נוּר פַיינְד בֶּעטְרָאג
אִיךְ הָאבּ דֶעם אֶמֶת לִיעֶבּ
אִיךְ וִויל נִישְׁט אִיהְר זָאלְט צוּ מִיר לוֹיפֶען
אִיךְ וִויל אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין גֶעלְד
אִיהְר וֶועט קֵיין עוֹלָם הַבָּא בַּיי מִיר נִישְׁט קוֹיפֶן
אוֹיךְ נִישְׁט דִיא וֶועלְט ·

4.

אִיךְ בִּין מְקַנֵא זֶעהְר
דֶעם גְעמֵיינְסְטֶען בַּעַל מְלָאכָה

חוֹק אֱמֶת לֹא אַפְרִיַע
שַׁעֲשׁוּעַי אַךְ הֲגֵהוּ
מֵהוֹרִי גַּם אוֹדִיַע
פָּעֳלוֹ וַעֲלִילוֹתֵיהוּ
הֲיָעֹז לַעֲשׂוֹת פֶּרִי
הַמַּאֲמִין בָּאֵל שָׁמַיִם
לִקְבּוֹץ הוֹן בְּחַטַּאת מֶרִי
בְּחַטַּאת קֶסֶם שְׂפָתַיִם

ג

אֲהָהּ! כַּלְכֵּל נִלְאֵתִי
קֶשֶׁר עָלַי יִקְשׁוֹרוּ
כִּי בְשִׁגָּעוֹן הֻכֵּתִי
עָלַי אֹמֶר יִגְזוֹרוּ
בְּשִׁגָּעוֹן הַכֵּה שַׁדַי אוֹתָמוֹ
הָאוֹמְרִים: כִּי מְשֻׁגָּע אִישׁ הָרוּחַ
בְּלִי חוֹק פּוֹעֲרִים פִּיהֶם כֻּלָּמוֹ
לֵאמֹר: דְּבַר בְּלִיַעַל בּוֹ יָנוּחַ
הַאָמְנָם לֹא נוֹאָלְתִּי
טַעַם לֹא חָסָרְתִּי
בְּשֶׁקֶר אַךְ בָּחַלְתִּי
בֶּאֱמֶת בָּחוֹר בָּחָרְתִּי
סוּרוּ מֶנִּי אֶגְזוֹרָה
אַל תִּשְׁגּוּ עוֹד כְּוָלֶד
חַיֵּי־עַד לֹא אֶמְכּוֹרָה
וְלֹא חֶמְדַּת חַיֵּי חָלֶד.

ד

וּמְאֹד אֲנִי שַׁבֵּחַ
עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת אֲבָנִים

וָואס עֶר אַרְבֵּייט שְׁוֶועהר
אִין הָאט קֵיין הַצְלָחָה
אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דֶעם אָרְמֶען טְרֶעגֶער
אִיךְ בִּין אוֹיךְ מְקַנֵּא דֶעם הויז מְשָׁרֵת
וָואס זֵייא לֶעבֶּען אִין עֶהְרְלִיכֶען שְׁטֶעגֶער
אֵייֶדר מִיר וָואס מִיר לֶעבֶּן אַזוֹ וִוי דִיא שְׂרָרוֹת
אִיהְר זָאלְט אֵייךְ אִיבֶּער לֶעגֶען
צִיא בְּרִידֶר ! מִיט אִיהְר גִיט
אוּנְזֶער גַאנְץ פַארמֶעגֶען
אִיז נוּר יוּדִישׁ בְּלִיט
מִיר בֶּעקוּמְט קֵיין שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט
בְּרִידֶער זָאלְט אִיהְר וִויסֶען !
אִיךְ פִיהל דֶעם טַעַם פוּן דֶעם טוֹיט
אִין אַיעֶדֶען בִּיסֶען .

5.

דָאס עֶסֶען וָואס אִיךְ עֶס
וָואס קוּמְט מִיר אָהן אָן זָארְגֶען
אִיז אַגְרוֹסֶער נֶס
וָואס אִיךְ וֶוער דֶער מִיט נִישְׁט דֶערוָוארְגֶען
וֶוען אִיךְ טְרִינְק דֶעם אַלְטֶען וֵויין דֶעם גִיטֶען
פַארגִים אִיךְ פִיעֶלמָאהל מֶעהר טְרֶערֶען
אִין דָאס הֶערְץ הֵייבְּט מִיר אָן צִיא בְּלִיטֶען
וִויא קֶען מֶען יוּדִישׁ בְּלִיט אַזוֹ פִיעֶל פַארצֶערֶן
וֶוער עֶס זֶעהְט מֵיינְט
עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶע תְּחִנָּה
אִין זָאגְט : דֶער רֶבִּי וֵויינְט
אוֹיף גָלוּת הַשְׁכִינָה

וּבְפָעֳלוֹ בַּל צוֹלֵחַ
וַעֲמוֹל בְּזֵעַת אַפַּיִם
גַּם קִנֵּאתִי בְּאִישׁ נֹשֵׂא סֵבֶל
בְּעֶבֶד עוֹבֵד עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ
חַיֵּי יֹשֶׁר לָהֶם נָפַל חָבֶל
לֹא כָמוֹנִי שׁוֹלְלִים בְּאֵם הַדֶּרֶךְ
אַחַי ! אַל נָא תְשַׁקֵּרוּ
שִׁקְלוּ בְּפֶלֶס יֹשֶׁר
כִּי לֹא בְמִשְׁפָּט תִּגְזוֹרוּ
אֲסַפְתֶּם כָּל הָעֹשֶׁר
דְעוּ אַחַי נָא הַפָּעַם
לַמָּוֶת אֲנִי טָרֵף
רֹאשׁ פְּתָנִים אֶטְעַם טַעַם
בַּאֲרֻחַת יוֹם וָעֶרֶב

ה

מַאֲכָלֵי בְּמַטְעַמֵּי טַעַם
בְּלִי עָמָל וּבְלִי פֶּגַע
נִפְלֵאתִי מְאֹד כָּל פַּעַם
כִּי לֹא אֶחֱנַק רֶגַע
וְיֵין רֶקַח עֵת אֶשְׁתֶּה אֶגְמָאָה
אֲזַי אַגִּיר דֶּמַע שִׁבְעָתַיִם
נַחֲלַת־זָרִים אֵיךְ נֶאֱכְלָה נִשְׁבָּעָה
דַּם לְבָבִי יִשָּׁפֵךְ אָז כַּמָּיִם
לֵאלֹהִים יִתֵּן שִׂיחַ
־כָּל רוֹאַי יֹאמְרוּ יַחַד־
כִּי יִגְאוֹל גַּם יַצְלִיחַ
עֲדַת יְשֻׁרוּן כְּאֶחָד

אִין אִיךְ וֵויין אוֹיף מַיינֶע זִינְד
דִיא כֹּחוֹת גֶעהְן מִיר אוֹיס
גֶעטְרֵייעֶר גָאט הֶעלְף מִיר צִינְד
אִיךְ זָאלל דֶערפִין אַרוֹיס!

6.

וֶוען הָאטְשִׁי עֲשִׁירִים
גִיבִּין גֶעלְד דֶעם גֶעזִינְדֶעל
הָאב אִיךְ קֵיין יִסוּרִים
עֶס הַארט מִיךְ נוּר זֵייעֶר שְׁווִינְדֶעל
אוֹיף דִיא אָרִימֶע לַייט טוּט מִיר זֵייעֶר לֵייד
וָואס זֵיי זֶענִין גָאר פַארזִינְקֶען אִין דֶעם דַלוּת
דֶער גֶעבִּיךְ פֶערקוֹיפְט פִין דֶעם ווייב אַקְלֵייד
אִין דֶער גֶעבִּיךְ פֶערקוֹיפְט דֶעם טַלִית
אִין לוֹיפְט אִין שְׁנֵייא אִין רֶעגֶען
אִין מִיט גְרוֹיס כַּוָנָה
אִין בְּרֶענְגְט זַיין פַארמֶעגֶען
דֶעם רֶבִּין אַ מַתָּנָה
וִויא זָאל מִיךְ דָאס בַּאם הֶערְץ נִישְׁט קְלֶעמֶען
וִויא הָאט מֶען דָאס גֶעהֶערְט
זֵייא וֶוערֶען נִישְׁט מִיד צִיא נֶעמֶען
אַזוֹ וִויא אַבְּלִינְד פֶערְד

7.

מֶען גֶענִיסְט דִיא שְׁפֵּייזֶען דִיא בֶּעסְטֶע
אִין גִיטֶען וֵויין גָאר דֶעם אַלְטֶען
דָאס זֶעהְן נִישְׁט דִיא גֶעסְטֶע
עֶר אִיז פֶערשְׁלָאסֶען עֶר אִיז בֶּעהַאלְטֶען
אִין וֶוען עֶר הָאט אַלֶעם גוּטֶס גֶענָאסֶען
עֶר הָאט גֶעגֶעסֶען אִין גֶעטְרִינְקֶען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק

וְעַל הַטָּאַי אֵילִילָה
אֱלֹהַי מְאֹד שָׁגִיתִי
נַפְשִׁי · יָהּ נָא הַצִּילָה
לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי !

ו

וַאֲצִילִים כִּי רָאִיתִי
תּוֹמְכִים יַד עֹשֵׂי פֶּשַׁע
עֲלֵיהֶם לֹא חָלִיתִי
אַךְ עַל זָדוֹן נוֹכְלֵי רֶשַׁע
עַל מוֹעֲדֵי רֶגֶל נְכוֹנִים לַשָּׁבֶר
עֲלֵיהֶם נַפְשִׁי מְאֹד מִתְאַבָּלֶת
שִׂמְלַת אִשְׁתּוֹ פַּעַם יִמְכּוֹר גָּבֶר
וּפַעַם יִמְכּוֹר גַּם לְבוּשׁ הַתְּכֵלֶת
קוֹר וָחוֹם בַּל יַעַצְרֵמוֹ
בִּרְעָדָה אַךְ יָגִילוּ
הַדַּלִּים צְרוֹר כַּסְפֵּימוֹ
לַמּוֹרֶה שַׁי יוֹבִילוּ ·
אֵיכָכָה אֶמְצָא נָחַת
סֵעֲרַת לִבִּי אַשְׁבִּיחַ
כַּעֲלוּקָה כִּבְנוֹת שָׁחַת
אַךְ הַב הַב יִתְּנוּ שִׂיחַ

ז

מֵעֲדַנִּים כִּי שָׂבֵעַ
וְיַיִן רֶקַח יַיִן מִשְׁתֵּהוּ
לֹא יֵרָאֶה הַנֹּסֵעַ
סָגוּר הוּא בִּמְעוֹנֵהוּ
וּבִמְלֹאת סִפְקוֹ מְלֵא בִטְנֵהוּ
תַּאֲוַת לִבּוֹ נִהְיָה בְּלִי עֲצֶרֶת

בְּלֵייבְּט עֶר נָאךְ אִין שְׁטִיבּ אַבִּיסֶל פֶּערשְׁלָאסֶען
בִּיז עֶר רֵייכֶערְט אֵיינֶע פְּפֵייפֶע טֶערְקִישֶׁען טַאבַּאק
אִיז קִוּמְט מִיט דֶעם פִּילְלֶען בּויךְ
צִיא דִיא חֲסִידִים צִים טִישׁ
אִין גֶענִיסְט אַבִּיסֶל יוּךְ
אָדֶער אַפִּיצֶעל פִישׁ
זָאגְט מֶען : דֶער רֶבִּי אִיז אַ מַלְאָךְ
עֶר גֶענִיסְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם זַאךְ
אִין עֶר פְרֶעסְט אִין זוֹיפְט וִויא אַ גַלָח
גוּטְס אִין אויךְ אַ סַאךְ ׃

8.

הָאבֶּען זֵייא רַחְמָנוּת
אויף מֶענְשֶׁען אִין דֶער גְרֶעסְטֶער נוֹיט
יְתוֹמִים אִין אַלְמָנוֹת
גִיבִּין זֵייא דֶען אַשְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט
וֶוער עֶס הָאט לִיֶעבּ צוּא נֶעמֶען דָאט פֵיינְד צוּ גֶעבֶּען
אַז אִיךְ דֶערמַאהֶן מִיךְ הֵייבְּט מִיר אָהן דָם בְּלִיט צוּ זִידֶען
וִויא קֶען מֶען אַזוֹינֶע מֶענְשֶׁען גְלֵייבֶּען
אַז זֵיי זֶענִין צַדִיקִים גוּטֶע יוּדֶען
עֶפֶּענְט דִיא אוֹיגֶען קִינְדֶער
זֵייט נִישְׁט מֶעהר בְּלִינְד
אִיךְ בִּין אויךְ גְוֶועהן אַבְּלִינְדֶר
אִיךְ בִּין עֶס שָׁאן נִישְׁט אַצִינְד
אִיךְ זָאל אַללֶעם צִינְד עֶנְטְדֶעקֶען
דָאס אִיז גָאטְטֶעס פְּלַאן
אִיךְ בִּין אֵייךְ אַגִיטֶער שְׁטֶעקֶען
אִיךְ בֶּ.... פְּרִידְמַאן !

עוֹד מְעַט בִּמְעוֹנוֹ סָגוּר הִנֵּהוּ׃
עַד עֲלֵי רֵיחַ יַקְטִיר בִּמְקֻטֶּרֶת
מִמְּעוֹנוֹ בָּא שָׂבֵעַ
לָשֶׁבֶת עַל כִּסְאֵהוּ
וּמְעַט מִזְּעֵר בּוֹלֵעַ
מִכָּל אֲשֶׁר לְפָנֵיהוּ׃
„מַלְאָךְ אֵל אַךְ הִנֵּהוּ"
יֹאמַר אִישׁ הָאֹרֵחַ׃
וְכִבְנֵי עֲלִי לְמַעֲנֵהוּ׃
כָּל נֶתַח טוֹב לֹקֵחַ

ח

לַדַּלִּים אַךְ יָהוֹלוּ׃
לְרֵישָׁם לָעֹג יִלְעָגוּ׃
עַל יְתוֹמִים לֹא יַחֲמוֹלוּ׃
לְלֶחֶם עֵת יִשְׁאָגוּ׃
הֵן תַּחַת לֹא יוּכַל אִישׁ יֹאבֶה קַחַת
דָּמַי צוֹעֲקִים עַל דָּרַע כַּפַּיִם
וַחֲשֵׁכִים אֵלֶּה הֵם בְּאַחַת
לֵאמֹר: „קְדוֹשִׁים הֵם טְהוֹרֵי עֵינַיִם"
עִוְרִים הִנְּכֶם רָאִיתִי
אָעִירָה לָכֶם אֶמֶשׁ
הֵן עִוֵּר גַּם הָיִיתִי
הַפַּעַם אֶחֱזֶה שָׁמֶשׁ
אוֹתִי צָפְנַת פַּעְנֵחַ
קָרָא שַׁדַּי הַפַּעַם
קָדְקֹד רֶשַׁע לְפַלֵּחַ
הִנְנִי מַטֵּה זָעַם !

# דִיא סַאדִיגֶערֶער חֲסִידִימְס

## קִינוֹת

1.

לָאמִיר זִיךְ אָהן טִיהְן אִין שְׁוַוארְצֶע קְלֵיידֶער
אִין בָּארְוִויס גֵיין אָן שִׁיךְ אִין אָן זָאקֶען
לָאמִיר זִיךְ אַרוֹיף לֵייגֶען אַשׁ אַיְעדֶר
אוֹיף דִיא בָּארְד אִין פֵּאוֹת אִין דִיא לָאקֶען
לָאמִיר שְׁרֵייעֶן צִי גָאט וֵוינֶען אִין בְּרִימֶען
עֶס אִיז אִינְז בִּיטֶער אִין זֵייעֶר שְׁלֶעכְט
אוֹיף דֶעם שִׁגָעוֹן וָואס אִיז גֶעקִימֶען
אוֹיף דֶעם רֶבִּין רִי בֶּערִינָא גָאטְס קְנֶעכְט
אוֹי ! עֶס אִיז אוֹיף אִינְז אַגְרוֹיסֶע צָרָה
עֶס אִיז אַשְׁטְרָאף פִין גָאטְס הַאנְד
בֵּייא דִיא אַפִּיקוֹרְסִים אִיז דָאס גָאר אַ סְבָרָה
אַז עֶר טִיט עֶס מִיט שֶׂכֶל מִיט רֵיינֶעם פֶערְשְׁטַאנְד

2.

לִיגְט דֶען אִין אִיהְם נִישְׁט אַרוּחַ
דַארְף מֶען דֶער צִי נָאךְ בֶּעסֶערֶע רַאֲיוֹת
וִויא הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אַזוֹי גִיךְ
דֵייטְשׁ רֵיידֶען וִויא דִיא הִילְטֵייעֶס
עֶר הָאט שָׁאן יוּדִישׁ בַּאלְד פַארְגֶעסֶען
עֶר רֶעד שָׁאן דֵייטְשׁ מִיט דֶעם קְנַאק
וִויא קֶען מֶען זִיךְ גֶעוֵוינֶען אַזוֹ גֶעךְ צִי עֶסֶען
בֵּייא אַ דָאקְטָאר רֵייטְמַאן אַזַא טְרֵפְנַאק
אִין דִיא אַפִּיקוֹרְסִים מַאכֶען גָאר גֶעשְׁפֶּעט
זֵייא זָאגֶען עֶס אִיז נִישְׁט פִין אַצִינְד

# קִינִים וְהֶגֶה לַחֲסִידֵי סַאַדַאגָארֶע

על משקל שבע ותשע ושבע תנועות ומלעיל׃

א

שַׂק וָאֵפֶר נָא נַצִּיעַ
עֵת לִבְכּוֹת קֹדֵר לָכֶת
נִזְעוֹק מַר גַּם נָרִיעַ
אֲהָהּ! חֵמָה נִתָּכֶת
צוֹם נָצוּמָה בַּל נֹאכַל לֶחֶם
וּמַיִם אַל נָא נִטְעֹם טָעַם
עֶבֶד־אֵל הַקָּדֹשׁ מְרַחֵם
סָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל הַפַּעַם
אֲהָהּ! כִּי בָא הַקֵּץ
יַד אֵל בָּנוּ נָגַעַת
מַה יַּעֲנוּ רִשְׁעֵי אָרֶץ
בְּהַשְׂכֵּל יַעֲשֶׂה וּבְדָעַת!

ב

הֲלֹא שָׂעִיר מְשָׁחַת
בִּלְבָבוֹ מִתְלַהְלֵהַּ
אֵיכָה בְּאַרְגִיעָה אַחַת
שָׂפָה זָרָה יוֹדֵעַ
כִּמְעַט יְהוּדִית שָׁכַח שָׁכֹחַ
מִלָּה מֵאַשְׁכְּנַז בַּל גּוֹרֵעַ
וְאֵיכָכָה לֶאֱכֹל יַעֲצוֹר כֹּחַ
עַל שֻׁלְחָן זֵר מוּסָר פּוֹרֵעַ!
מַה יַּעֲנוּ רִשְׁעֵי אָרֶץ
לֹא בָאוּ שְׁתֵּי־אֵל רָגַע

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין רוּחַ עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין שֵׁד
עֶס אִיז אֵיין אַלְטֶע מַכָּה אֵיין אַלְטֶע ווִינְד

3.

עֶר הָאט זִיךְ גֶעפָּארִיט מִיט דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם
אִין הָאט אָהן גֶעהֵויבֶּען הוֹיךְ צִי קְרִיכֶען
אִין הָאט אִיהְם תְּחִלּוֹת גְגֶעבֶּען אַנֶעם
אִין הָאט גְוָואלְט בְּרֶענְגֶען מְשִׁיחֶן
דִיא יוֹדֶען זֶענִין אָבֶּער נָאךְ נִישְׁט וֶוערְט
הָאט אִיהם דֶער שָׂטָן בַּייא גֶעקִימֶען
אִין הָאט אִיהם דֶעם מוֹחַ אִיבֶּערְגִיקֶערְט
אִין הָאט אִיהם דֶעם שֶׂכֶל צִי גֶענִימֶען
הֶערְטְשֶׁע וָואס דִיא אַפִּיקוֹרְסִים בִּילֶען
אִין ווִילֶען אוּנְז נוּר דִיא לְעֶבֶּער רִירֶען
מֶען זֶעהט פִּין אִיהם נִישְׁט ווִיא פִּין אַדִילְלֶען
נוּר עֶסֶען אִין טְרִינְקֶען אִין פָּאהֶרְען שְׁפַּאצִירֶען

4.

שְׁוַואג נִישְׁט גָאט דֶעם מִיסִינֶער
אִין דֶעם רֵייטְמַאן דֶעם כֶּלֶב שֶׁבִּכְלָבִים
זֵייא הָאבֶּען פַּארְפִּירְט דֶעם רֶבִּין רִי בֶּער
דִיא רוֹצְחִים דִיא גַזְלָנִים דִיא גַנָבִים !
עֶס קִימְט נָאךְ צִי גֵיין דִיא טָאכְטֶער זַיינֶע
מִיט אִיהר גֶעלֶעבְטֶער מִיט אִיהר חֲנוּפָּה
אִין שְׁפִּילְט אִיהם אַלֶלֶע טָאג פִּיאַנֶע
דִיא שַׁמְיָא דִיא קְלֶפָּה דִיא חֲצוּפָּה
אִין דִיא אַפִּיקוֹרְסִים זָאגֶען עֶס אִיז אַוָואהלֶער שִׁגָעוֹן
וָואס גָאט הָאט דֶעם רֶבִּין צוּא גֶעשִׁיקְט
אַזוֹ דַארְפֶען אַלֶע מֶענְשֶׁען טָאהן
מִיר זֶענִין אוֹיךְ אַזוֹ פַּארְרִיקְט

הֵן מֵאָז פָּרַץ פֶּרֶץ
יָשָׁן נוֹשָׁן הַנֶּגַע

ג

עִם הַשָּׂטָן בְּרוֹב חָיִל
נִגַּשׁ לַקְרָב וְהִצְלִיחַ
לְהָאִיר הֵישׁ חֶשְׁכַת לָיִל
בְּאוֹר פְּנֵי מֶלֶךְ מָשִׁיחַ
חַטַּאת יְשֻׁרוּן יָדוֹ עָצָרָה
וְגָבַר הַשָּׂטָן וְהֶחְלִיף כֹּחַ
עֲצַת הַקָּדוֹשׁ אָז נִבְעָרָה
טֶרֶף לְשָׂטָן שְׁלַל מַלְקוֹחַ
מַה יַּעֲנוּ פוֹרְצֵי פֶּרֶץ
מַשְׂכִּיל הוּא גַּם מַצְלִיחַ
כַּאֲצִילִים וְשָׂרֵי אֶרֶץ
יֹאכַל יִשְׁתֶּה וְיָשִׂיחַ

ד

אֵל עֱנוֹשׁ הוֹלְכֵי קֶרִי
הָשֵׁב גְּמוּל עוֹשֵׂי רֶשַׁע
שֹׁרֶשׁ־רָע עָשָׂה פֶּרִי
בְּלֵב הַתָּם חַף מִפֶּשַׁע !
וּבַת הַמֶּרִי עוֹשָׂה תֶּבֶל
בְּחֶלְקַת לְשׁוֹנָהּ בָּאָה כָּל פַּעַם
פּוֹרֶטֶת לוֹ עַל פִּי הַנֶּבֶל
שׁוֹבֵבָה פְּרוּצָה סָרַת טַעַם !
„חָכָם הוּא מֵבִין דַּעַת" !
־נְאֻם רְשָׁעִים עַזֵּי מֵצַח־
„בְּפָעֳלוֹ אֵין כָּל מִגְרַעַת
„כֵּן נִשְׂגֶּה נַחְנוּ נֶצַח"

5.

שְׁטְרָאף זִיא גָאט אוֹיף אִיהְרֶע זִינְד
וָואס זִיא טִיט אוּנְז אָהְן צָרוֹת אִין לֵייד
לָאז זִיא פַארגֶעסֶען גָאר גֶעשְׁווִינְד
וִויא מֶען גְרַאבֶּעלְט אוֹיף דֶעם לָאקְשֶׁען בְּרֶעט
אִין דָאס אִיז דֶעךְ בֵּייא דִיר גָאט נָאךְ גְרִינְגֶער
זִיא זָאל צוּ דֶער פִּיאַנֶע גָאר נִישְׁט טוֹיגֶען
זִיא זָאלל בֶּעקִימֶען בְּלָאטֶערֶען אוֹיף דִיא פִּינְגֶער
זָאללֹ מִיזֶען קְלָאפֶּען מִיט דֶעם עֶללֶענְבּוֹיגֶען
אִין אַז זִיא וֶועט שְׁפִּילֶען דֶעם רֶבִּין הֶעם דִילְלֶען
זִיא וֶועט ווִידֶער בֶּעווַייזֶען אִיהְרֶע רְצִיחוֹת
זָאל זִיךְ אִיהם דַאכְטֶען אַז הִינְד בִּילְלֶען
אִין עֶס קְלַאפֶּען שֵׁדִים לֵצִים אִין רוּחוֹת

6.

דִיא רֶבִּיצִין פְרֶעגְט : וִויא אִיז מֵיין מַאן
וִויא הָאט מֶען אִיהם נֶעבִּיךְ פַארְמְרִיבֶּען
וָואס וֶועט מֵיין סוֹף זַיין
אַז אִיךְ בִּין אַזוֹ עֶלֶענְד גֶעבְּלִיבֶּען
אַז אִיךְ הַאלְט דָאס אוֹים אִיז אַגְרוֹים חִידוּשׁ
וֶוער הָאט זִיךְ גֶערֶעכְט אוֹיף אַזַא מַפָּלָה !
אַךְ וִויא אִיז זֵיין הֵיילִיגֶער קִדוּשׁ
אִין וִויא אִיז זֵיין טֵייעֶרֶע הַבְדָלָה
אַז עֶר הָאט דִיא הַבְדָלָה גֶעטִיהֶן אַחַאפּ
הָאבּ אִיךְ אָן גֶעקְוֶועלְט גָאר אָהְן שִׁעוּר
דֶער גַבְּאִי מַאכְט דָאס נָאךְ אַקַאפּ
עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט דָאס וֵייא אִיז מִיר !

ה

הָשֵׁב אֵל גְּמוּל פְּשָׁעֶיהָ
הַבַּת לְרוּחֵנוּ מֶמֶר
בַּלַּע אֵל עַשְׁתוּתֶיהָ
בַּל עוֹד תַּשְׁמִיעַ זֶמֶר
מַה נָּקֵל לְךָ אֵל עֲשׂוֹת רֶגַע
בַּל תּוֹסִיף שְׁלַח אֶצְבַּע לִפְשׁוֹעַ
בְּבַדֵּי יָדֶיהָ יִפְרַח נֶגַע
תַּכָּה בָּאֶגְרוֹף תִּשְׁלוֹף זְרוֹעַ ׃
בְּאַוָּתֶהָ בְּשִׁיר לְנַצֵּחַ
מְשִׁיבָהּ זֹאת הַנִּצָּחַת
יְדַמֶּה כְּכֶלֶב נוֹבֵחַ
וַיַּרְקְרוּן שְׂעִירֵי שָׁחַת

---

ו

אֵשֶׁת בְּרִיתוֹ נֶאֱנָחַת
בַּחֲצוֹת קִרְיָה הוֹמֶקֶת
אָנָה דוֹדִי צוֹרַחַת
אָנָה הָלַךְ זוֹעֶקֶת
הוֹי! כִּמְעַט רוּחִי בְּקִרְבִּי אָיִן
אֶזְכְּרָה וְאֶהֱמָיָה מִבְּלִי הֶרֶף
בְּתִתּוֹ בְּרָכָה עַל כּוֹס הַיַּיִן
בַּשִּׁשִּׁי וּבַשְּׁבִיעִי עֶרֶב ׃
בֶּאֱחוֹז לַפִּיד אִשֵּׁהוּ
תְּשׁוּקָתִי אֵשׁ אוֹכֶלֶת
שֶׁמֶן יַעֲשֶׂה מְשָׁרְתֵהוּ
כְּמֹהוּ אֵין תּוֹחֶלֶת

7.

בְּעֶוֶייז אוּנְז גָאט אוֹיךְ אַיין אַנְדֶער אוֹפֶן
דַיינֶע נִיסִים אִין דֶער שְׁטָאט
עֶר זָאל נַאקִיט אַרים לויפֶן
אִין זָאלל גֶעבְּטִיגֶען אִין דֶעם בָּאד
אִין זָאל וַוארְפֶן שְׁטֵיינֶר אִין אוים שְׁלָאגֶן פֶענְסטֶער
עֶר זָאלל קֵיין מִינִיט נִישְׁט זַיין שְׁטִילל
עֶס זָאל גְלֵייבֶּען דֶר גְרֶעסְטֶער אִין דֶר קְלֶענְסְטֶער
אַז דֶער רֶבִּי אִיז מְשׁוּגָע דֶער רֶבִּי אִיז דִילל
אִין דֶער שִׁגָעוֹן זָאלל אִיהם בַּאלְד פֶּעהְלֶען
עֶר זָאל זִיךְ אוּמְקֶעדְהֶרְען צִיא זַיין גֶעצֶעלְט
דִיא אַלֵיין גָאט זָאלְסְט אִיהם הַיילֶען
וְעֶר זָאל ווִידֶער בֶּענְשֶׁען אִין גֶעמִין גֶעלְד. –

---

## ר׳ אַבְרָהם יַעֲקֹבְנָא זִיכְט אַ זְכוּת

1.

אִין דֶעם זְכוּת פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען טַאטֶען
וָואס הָאט קֵיין מָאהל נִישְׁט גֶעטוּהְן קֵיין מַשָּׂא וּמַתָּן
דֶער טֵייעֶרֶער דֶער הַיילִיגֶער דֶער פְרִימֶער
וָואס הָאט גֶעדִינְט גָאט בֵּייא זִיךְ אִין צִימֶער
זָאלְסְטִי גָאט בָּרוּךְ הוּא אוּנְזֶער תְּפִלָה הֶערֶען
אוּנְזֶר בְּרִידֶר ר׳ בֶּערִינְגָא זָאל זִיךְ צוּ אוּנְז אוּמְקֶעדְהֶרֶען

2.

זָאגֶען דִיא חֲסִידִים נַיין נַיין !
רֶבִּי דִיא זַאךְ לָאזְט גָאר גֵיין

ז

הַרְאֵה נָא לְעֵין כָּל גֶּבֶר
אֶת פִּלְאֲךָ אֵל שָׁמָיִם
עָרוּם יָסוּב לְכָל עֵבֶר
וַיִּתְלוֹנֵן בֵּין שְׁפַתָּיִם
שַׁבֵּר הַחַלּוֹנוֹת יַדֵּה אָבֶן
רֶגַע לֹא יִשְׁבּוֹת לֹא יָנוּחַ
גּוֹי וְאָדָם יַחַד יֵרֶא יָבֶן
הַאֻמְנָם מְשֻׁגָּע אִישׁ הָרוּחַ
אָז יָשׁוּב לַעֲלוּמֵיהוּ
רֻטְפַשׁ בְּשָׂרוֹ מִנֹּעַר
גַּם יְבָרֵךְ אֶבְיוֹנֵיהוּ
וְיִרְבּוּ מַתַּן וּמֹהַר ׃ –

---

# ר׳ אַבְרָם יַעֲקֹב יְבַקֵּשׁ זְכוּתוֹ ׃

א

עֲשֵׂה לְמַעַן אָבִינוּ הַתָּמִים
אֶת אֱלֹהִים הִתְהַלֵּךְ כָּל הַיָּמִים
מִמִּסְדָּר וְקָזֶן לִבּוֹ הִקְשִׁיחַ
בִּרְעָדָה לִפְנֵי אֵל שָׁפַךְ שִׂיחַ
לְמַעֲנוּ אֱלֹהִים נָא הוֹשִׁיעֵנוּ
וְאֶת אָחִינוּ הָשֵׁב אֵלֵינוּ !

ב

וַיַּעֲנוּ הַחֲסִידִים הֶרֶף !
הרעש הרד אל חרב

וָוארֶן עֶס וֵוייסְט דָאךְ אַיֶעדֶר גִיט
אַז פְּרִים גְוֶועזִין אִיז עֶר נִיט

3.

אִין דֶעם זְכוּת פִּין דֶער תּוֹרָה וָואס גֵייט אַרוֹיס
פִּין אוּנְזֶוער שְׁטִיבּ אִין אוּנְזֶוער קְלוֹיז
וָואס מִיר לֶערְנֶען טָאג אוּנ נַאכְט תּוֹרָה
וִויא אַזוֹ מֶען זָאל הָאבְּן פַאר גָאט מוֹרָא
זאלסטי גאט ברוך הוא אונזער תפלה הערען
אונזר ברידר רי בערינא זאל זיך צו אינז אומקערען

4.

זאגען דיא הסידים נייִן!
רבי דיא זאך לאזט גאר גיין
ווארין עס ווייסט דאך איעדר גיט
אז קיין תורה קענט איהר ניט

5.

אִין דֶעם זְכוּת פִּין אוּנְזֶוער הֵיילִיגֶער תְּפִלָּה
וָואס מִיר דַאבִינֶען מִלָּה בְּמִלָּה
אִין בֶּעטֶען גָאט בֵּייא טָאג אִין בֵּייא נַאכְט
אִין עֶס וֶוערֶען גְרוֹיסֶע בְּכִיוֹת פַארבְּרַאכְט
זאלסטי גאט ברוך הוא אונזר תפלה הערען
אונזער ברידר רי בערינא זאל זיך צו אונז אומקערן

6.

זאגען דיא הסידים נייִן!
רבי דיא זאך לאזט גאר גיין
וואריִן עס ווייסט דאך איעדר גיט
אז דאבינן. דאבינת איהר ניט

כִּי שְׁמוּרָה בַּכֹּל וַעֲרוּכָה
טוּבוֹ כְּחֵדֶק יָשָׁרוֹ מִמְּסוּכָה

ג

עֲשֵׂה לְמַעַן הַתּוֹרָה הַתְּמִימָה
אֲשֶׁר בְּפִינוּ הִיא שׂוּמָה
בָּהּ נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיִל
וּבְיִרְאַת אֵל נַעֲשֶׂה חָיִל
למענה אלהים נא הושיענו
ואת אחינו השב אלינו!

ד

ויענו החסידים הרף!
בקש ככה על תרב
כִּי לֹא תִתְּנוּ אִמְרֵי שָׁפֶר
יַעַן לֹא יְדַעְתֶּם סֵפֶר

ה

עֲשֵׂה לְמַעַן הָרִנָּה וְהַתְּפִלָּה
בְּצָקוּן לַחַשׁ נִסַּלְּדָה בְּחִילָה
וּרְצֵה נָא אֵל מַשְׂאַת כַּפֵּינוּ
וְשׂוּמָה בְּנֹאדְךָ דִּמְעוֹת עֵינֵנוּ
למענם אלהים נא הושיענו
ואת אחינו השב אלינו!

ו

ויענו החסידים הרף!
בקש ככה אל תרב
הֵן מוּדַעַת זֹאת בְּכָל קְהִלָּה
כִּי תוֹעֵבָה לָכֶם הַתְּפִלָּה·

7.

אִין דֶעם זְכוּת פִֿין דֶער צְדָקָה וָואס גֵייט אַרוֹיס
אִין דִיא גְמִילוֹת חֲסָדִים פִֿין אוּנְזֶער הוֹיז
וָואס מִיר טִיהֶען מִיט אַלֶלֶע אָרִימֶע לַייט
זֵייא קִימֶען הוּנְגֶעְרִיג אִין גֵייֶען אַוֶועק זַאט
זאלסטי גאט ברוּךְ הוּא אוּנזער תפלה הערען
אוּנזר ברידר ר׳ בערינא זאל זיךְ צוּ אוּנז אוּמקערן

8.

זאגן דיא הסידים ניין ניין!
רבי דיא זאךְ לאזט גאר גיין
ווארין עס וייסט איעדר גיט
אז קיין צדקה גיט איהר ניט

# דֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה

1.

אוֹי וָואס הָאבֶּען גֶעוָואלְט פִֿין מִיר הָאבֶּען
דִיא אַפִּיקוֹרְסִים דִיא הִילְטֵייֶעם
אוֹי זֵייא הָאבֶּען מִיךְ גָאר בַּגְרָאבֶּען
צוּ גֶענִימֶען בֵּייא מִיר דָאס חַיוּת
אוֹי וֶוען אִיךְ בִּין אַחָסִדִיל גֶעוֶועהְן
וָואס הָאט מִיר בְּרִידֶערְלִיךְ דֶעמָאהלְט גֶעפֶּעלְט
אוֹי אִיז דֶען נִישְׁט גֶעוֶועזִין שֶׁעהְן
אַז אִיךְ הָאבּ פִֿין דֶעם רֶבִּין נִסִים דֶערְצֶעהלְט
גְרוֹיס אִין קְלֵיין הָאבֶּן מִיר אִין מוֹיֶעל אַרַיין גֶעקִיקְט
מִיט מֵיינֶע מַעֲשִׂיוֹת הָאבֶּען זֵייא זִיךְ דֶערְקְוִויקְט

ז׳

עֲשֵׂה לְמַעַן הַחֶסֶד וְהַצְּדָקָה
בְּמוֹט יַד גֶּבֶר וַיִּשְׁמַע זְעָקָה
תָּחוּס עֵינֵנוּ עַל דַּל מְשַׁוֵּעַ
רָעֵב יָבוֹא וְיֵלֵךְ שָׂבֵעַ
למענו אלהים נא הושיענו
ואת אחינו השב אלינו

ח

ויענו החסידים הרף!
בקש בכה אל תרב
לְזַעֲקַת דָּל תַּקְשׁוּ לִבְּבֵיכֶם
כִּי רְחוֹקִים מִצְּדָקָה הִנְּכֶם

---

## הַשָּׁב וּמִתְנַחֵם

על משקל שמונה ותשע וארבע
תנועות ומלעיל׃

א

הוי! דַּכֵּא נַפְשִׁי חָשָׁבוּ
הָרְשָׁעִים בַּעֲלִילוֹת רֶשַׁע
הוי! כִּי קֶבֶר לִי הָצָבוּ
קְרוֹבָה הַצָּרָה וְאֵין יֶשַׁע
עִם חֲסִידִים בְּהִתְחַסְּדִי פַּעַם
מַה מִּנִּי הָלַךְ מֶה חָסַרְתִּי
עֵת פִּלְאֵי הַקֹּדֶשׁ בְּטוּב טַעַם
בִּקְהַל דּוֹרְשָׁיו יוֹם יוֹם סִפַּרְתִּי
לִי הִקְשִׁיבוּ יַחַד הֶאֱזִינוּ
מִפְּלְאוֹת צַדִּיק לִבָּם הִרְנִינוּ

אִיךְ הָאבּ גֶעזִיגֶען
אִין גֶעשְׁפְּרִינְגֶען
גִילֶעבְּט נָאר אִין גֶעלַאכְט
פִּין דִיא רְשָׁעִים
דִיא מְשׁוּגָעִים
חוֹזֶק נָאר גֶעמַאכְט
הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעבִּיךְ אִין גְרוֹיס אוּמְגְלִיק
גֶעמְט מִיךְ צוּ חֲסִידִימְלִיךְ אִיךְ וִויל צוּ אֵייךְ צוּרִיק

2.

אוֹי עֶס אִיז אַתַּעֲנוּג גָאר דֶער גְרֶעסְטֶער
אַחָסִיד צוּ זַיין אִין דֶער הַיינְטִיגֶער צַייט
וֵויל דֶער קְלֶענְסְטֶער אִין דֶער גְרֶעסְטֶער
אִיז יוֹצֵא פַאר גָאט אִין פַאר לַייט
אוֹי עֶס אִיז אִיךְ לֶעבֶּען גָאר נִישְׁט שְׁוֶוער
אַ חָסִיד צוּ זַיין בֵּייא דֶעם גְרֶעסְטֶען גִיטֶן יוּד
אוֹי וָואס טִיט דֶען דֶער אַפִּיקוֹירֶס מֶעהר
וָואס דֶער גְרֶעסְטֶער חָסִיד בֵּייא דֶעם רֶבִּין טִיט
וֶוער עֶס קֶען דֶעם חָסִידִים קְרֶעכְץ
וֵייסְט דָאךְ שָׁאן נִישְׁט פִּין קֵיין שְׁלֶעכְץ
אִיךְ טִיה נִישְׁט צִינְד
קֵיין דְרִימֶעל זִינְד
וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטִיהן פְּרִיר
אִין גְרוֹיס אִין קְלֵיין
אַז מֶען הֶערְט מִיךְ גֵיין
הָאט צוּ טִיהֶען מִיט מִיר
הַיינט א. ז. וו.

3.

אִיז דֶען דַאבִינֶן אַזוֹ שְׁוֶוער
איז דען דאם אזא גרויסע מיה

אֲזַי שַׁרְתִּי
בְּגִיל כִּרְכַּרְתִּי
גַּם צָחַקְתִּי
לְעוֹשֵׂי־תֶבֶל
רוֹדְפֵי־הֶבֶל
אָז לָעַגְתִּי
הוֹי ! כִּי נִפְגוֹתִי הוֹי נִרְדַּמְתִּי !
סַפְּחוּנִי אֶחָי כִּי נִחַמְתִּי !

ב

הוֹי ! בִּנְעִימִים לָהֶם חֶבֶל
נַחֲלַת חֲסִידִים נָעֵמָה
כִּי לָאֵל וּלְשׁוֹכְנֵי־תֵבֵל
לְקָטָן וְגָדוֹל רְצוּיִם הֵמָּה
מַה מַשָּׂא נוֹשֵׂא וּמַה סֶבֶל
אִישׁ הַמִּתְחַסֵּד בֵּית מוֹרֵהוּ
מַה מֶּנּוּ יֶרֶב עֲשׂוֹת תֶּבֶל
אִישׁ הַחוֹקֵר בְּחָכְמַת לִבֵּהוּ
הַאֶנֵק דּוֹם מִי זֶה יוֹדֵעַ
מִצָּרָה נַפְשׁוֹ אָז מוֹנֵעַ
הוֹלֵךְ קֶרִי
בְּחַמַּאת מֶרִי
כְּאָז אֵינֶנִּי
לְדַלֵּי עֶרֶךְ
בְּאֵם הַדֶּרֶךְ
לְבוּז הִנֵּנִי
הוֹי. כִּי וגומר

ג

הֲלֹא נָקֵל לָזֶה הַגֶּבֶר
לֵאלֹהִים אוֹמֵר הַבִּיעַ

מֶען גִיט זִיךְ אַוְואַרְף אַהִין אִין אַהֶער
אַקְרֶעכְץ אַבְרִים אִין אַטַאנְץ דֶער צוּ
אִיז דֶען דָאס אַזַא מְלָאכָה
צְוֵייא פָּאר תְּפִלִין אַפָּאר מִינִיט צוּ טְרָאגֶען
אִין בַּאלְד צוּ מַאכֶען אַ בְּרָכָה
דִיא גִיטֶע בְּרָכָה שֶׁהַכֹּל אִין לְחַיִּים זָאגֶען
מֶען זָאגְט ־קֵיין תְּהִלִים מֶען לֶערֶענְט ־קֵיין מִשְׁנַיוֹת
זֵייא רִיפֶען דִיא לוֹמְדִים גָאר הִילְטֵייעֶס
זִיךְ צוּ דֶערְקְוִויקֶען
מִיט דֶעם תִּקּוּן
אִיז דֶען דָאס קְרִים
אַגֶעשְׁרֵייא לְחַיִּים
לְשֵׁם שָׁמַיִם
הֵייסְט מַאן שָׁאן פְּרִים !
היינט א. ז. וו.

4.

אוֹי וִויא פְרֵייא אִיךְ בִּין גְוֶועזִין
וֶוען אִיךְ בִּין אַחָסִיד גְוֶועהְן
אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁרֵייבֶּען נִישְׁט לֶעזֶען
אִין דָאס אִיז עֶהרלִיךְ אִין זֵייעֶר שֶׁעהְן
אוֹי וָואס דַארְף דֶען אַחָסִיד קֶענֶען
צוּ גָאט נָאר מִיט דִיא אוֹיגֶען אַוִוינְק צוּא גֶעבֶּען
אוֹי אִין וִויא גְלִיקְלֶעךְ זֵייא זֶענֶען
אָהְן דַאֲגוֹת אָבּ צוּא פִירֶען דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען
בֵּייא דֶעם לֶעבֶּען אִיז עֶר פַארְזָארְגְט מִיט בְּרוֹיט
מִיט עוֹלָם הַבָּא נָאךְ דֶעם טוֹיט
לֶעזֶען שְׁרֵייבֶּען
אַגְשֶׁעפְּט צוּא טְרֵייבֶּען

נוד וָנוֹעַ אֶל כָּל עֵבֶר
פַּזֵּז כַּרְכֵּר וְקוֹל הַשְׁמִיעַ
הַגָּדוֹל מִנַּשֵּׁא תַאֲמִינוּ
רֶגַע טוֹטָפוֹת בֵּין עֵינָיִם
וּכְבָר כּוֹסוֹת יַיִן הֵכִינוּ
וּבִבְרָכָה שׁוֹתִים כְּמָיִם
לִלְמוֹד לְהִתְפַּלֵּל מְאֹד יִשְׁנָאוּ
לוֹמְדֵי סֵפֶר פּוֹחֲזִים יִקְרָאוּ
לָשׂוּם עַיִן
בְּכוֹס יַיִן
מְנַת חֶלְקֵהוּ
פֶּה פּוֹתֵחַ
אֵל שַׁבֵּחַ
תָּם הֶגְיֵהוּ
דווי כי וגומר

ד

הוי: חָפְשָׁה נִתַּן לִי פַּעַם
אִישׁ מִתְחַסֵּד עֵת הָיִיתִי
קְרֹא גַּם כְּתוֹב הֲסִרָתִי טַעַם
וְכֹה הִלְלוּנִי אַנְשֵׁי־בְרִיתִי
בַּמֶּה אִישׁ מִתְחַסֵּד מְנַצֵּחַ
אַךְ הַגְבֵּהַ לְמַעְלָה עֵינָיִם
וּבְתֵבֵל הוּא הַצּוֹלֵחַ
דְּרוֹר לוֹ קוֹרֵא מֵעָמַל כַּפַּיִם
לִמְצוֹא טַרְפּוֹ לִבּוֹ בָטוּחַ
שַׁי בַּמְּרוֹמִים בַּעֲלוֹת הָרוּחַ
דָּבָר שָׁעַר
יֶלֶד נַעַר

וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶענִיט
צוּ גָאט אַוֶּוינְק
אִיז גָאר גְרֵינְג
עֶר וֶוערְט אַגִיטֶער יוּד ·
היינט א. ז. וו.

5.

עֶס אִיז אִיךְ לֶעבֶּען אָהן סַכָּנוֹת
אַגִיטֶער יוּד אוֹיף דֶער וֶועלְט צִיא זַיין
אִיךְ שְׁוֶוער אֵייךְ בֵּייא מֵיינֶע נֶאֱמָנוֹת
אַז עֶר לֶעבְּט זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין אִין פֵּיין
אִין דַארִיבֶּר טִיט מִיר בַּאנְג
וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ פְּלִיצִים פִּין זֵיי אָבּ גֶעטֵהיילְט
אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען דֶעם גַאנְג
בַּאלְד אַרֶבִּי גִיוֶועהן וואס וָואלְט מִיר גֶעפֶעלְט
וֶוער וָואלְט גְוֶועזֶען פִּין מִיר גְרֶעסֶער
זֵיי הָאבֶּען מִיךְ גֶעקְוִילֶעט אָהן אַמֶעסֶער
מִיט דֶעם רָאךְ
וִויא אַטָאךְ
גֵייא אִיךְ אוּים גֶעפִּיצְט
טָאג אִין נַאכְט
מִיט לֶעזֶען פַארבְּרַאכְט
וֵויים אִיךְ וָואס דָאס נִיצְט
היינט א. ז. וו.

6.

אִיךְ בִּין אַגַבַּאי אַמָאהל גֶעוֶועהן
בֵּייא דֶעם רֶבִּינְס קִינְדֶער דִיא בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
אִין אִיךְ הָאבּ אַלְדִינְג גֶעזֶעהן
אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶעשְׁפִּירְט אֵיעדֶעם מָאהְל

זָר לְרוּחֵהוּ
שְׂאֵת עֵינָיִם
מוּל שָׁמָיִם
מוֹרֶה הֲגֵהוּ
הוי כי וגומר

ה

בֶּאֱמוּנָתִי בִּי נִשְׁבָּעְתִּי
אֵין רַע עִנְיָן זֶה בַּתֵּבֵל
חַיֵּי רַבִּי הֵן יָדַעְתִּי
בַּנְּעִימִים לוֹ נָפַל חֶבֶל
צַר לִי מְאֹד כִּי אוֹתָם עֲזַבְתִּי
כִּי עִקְּבוֹתָיו גַּם לִי נוֹדָעוּ
עוֹד מְעַט וַאֲנִי עַל כֵּס יָשַׁבְתִּי
וַחֲסִידִים כֻּלָּם לִי שָׁמָעוּ
וּמִי כָמוֹנִי אָז צוֹלֵחַ
וּרְשָׁעִים הֵכִינוּ לִי מַטְבֵּחַ
לָרִיק לָבַשְׁתִּי
וְהִתְחַפַּשְׂתִּי
בְּבִגְדֵי חוֹפֵשׁ
שָׁוְא אֶלְמוֹדָה
גַּם אֶשְׁקוֹדָה
מִבְּלִי נוֹפֵשׁ
הוי כי וגומר

ו

אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שָׂרָתִי
בֶּן מֶשֶׁק בֵּיתָם הָיִיתִי
וּבְרִית לְעֵינַי לֹא כָּרָתִי
אֲשֶׁר עָשׂוּ אָז רָאִיתִי

גֶעקִוקְט מִיט דִיא אוֹיגֶען צִיא גֶעלֵייגְט דָאס אוֹיעֶר
אִין הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶעהֶן אֲפִילוּ אַפִּידְיוֹן מַאכֶען
עֶר עֶפֶּענְט קֵיין גְמָרָא אִין קֵיין זוֹהַר
וַוייל דֶער רֶבִּי הַאלְט נִישְׁט פִין דִיא זַאכֶען
פֶערגְלֵייסְט דִיא אוֹיגֶען זִיצְט גַאנְץ שְׁטִיל
אִין גֶענִיסְט וָואס עֶר ווִיל
אִין מִיזָאגְט קֵיין וָוארְט
עֶר אִיז פָּארְט
דֶער גְרֶעסְטֶער גִיטֶער יוּד
זַייא זָאגֶען אַלֶע
מֶען פְרֶעגְט קֵיין שַׁאֲלָה
וָואס דֶער רֶבִּי טִיט
היינט א. ז. וו.

ז.

מֶען זָאגְט דֶער רֶבִּי עֶסְט גָאר וֶועהְנִיג
פִין הִימֶעל זַאכֶען לֶעבְּט דֶער גִיטֶער יוּד
בֵּייא זִיךְ אִין שְׁטִיבֶּעל עֶסְט עֶר גַאנְץ גֶענִיג
אִין וָואס צִיא עֶסֶען אִיז עֶר אוֹיךְ גֶענִיט
צְוֵייא שָׁאלל קַאוֶוע מִיט קִיפְּפֶעל אִין דֶער פְּרִיה
אִין דִיא טֵייעֶרְסְטֶע שְׁפֵּייזֶען צוּ מִיטָאג הָט עֶר לִיבּ
מִיט דֶעם טֵהֵייעֶרֶען אַלְטֶען וַויין דֶער צִי
נָאר אַלְץ פֶערשְׁלָאסֶען בֵּייא זִיךְ אִין שְׁטִיבּ
אִין אַלְדֶעס גִיטְס אִיז דֶער רֶבִּי זַאט
מַכּוֹת גֶענִיסֶען דָאס דִיא פֶערפִירְטֶע לַייט
אִין וִויא אַפְּרִינְץ
גָאר אָהן קִינְץ
זִיצְט עֶר אִין שְׁטִיבּ

תַּרְתִּי אֵיךְ יִפְדֶּה אִישׁ מִשַּׁחַת
אוֹ אֵיךְ בְּסֵפֶר יִתֵּן שִׂיחַ
וְלֹא רָאִיתִי מֵאֵלֶּה אַחַת
כִּי מִכָּל אֵלֶּה לֵב יַקְשִׁיחַ
בִּדְמָמָה נוֹשֵׂא אֶת עֵינֵיהוּ
מָלֵא יְמַלֵּא חֶפְצֵי לִבֵּהוּ
וּבוֹ יַאֲמִינוּ
וְלֹא יָהִינוּ
לַחֲקוֹר מַעֲשֵׂהוּ
וּבְצִדְקָתוֹ
וּבְתֻמָּתוֹ
נֶעְלָה הִנֵּהוּ
הוי כי וגומר

ז

זְעֵיר אָכְלוֹ יַאֲמִין שׁוֹמֵעַ
לֶחֶם חֻקּוֹ הוֹד שָׁמַיִם
סִפְקוֹ יְמַלֵּא אַךְ הַצֶּנַע
בְּתַאֲוַת מַאֲכָל לוֹ פִּי שְׁנַיִם
אֲרֻחַת בֹּקֶר מַאֲפֶה רָקַח
גַּם מִשְׁתֵּה שְׁמָנִים בְּצָהֳרַיִם
בְּיֵין הָרֶקַח חֵמַת סַפֵּחַ
עֵת סָגוּר בְּרוּחַ וּדְלָתַיִם
כּוֹס נַחַת מֵעַל לוֹ שָׁלוּחַ
אַךְ שָׁמְרֵינוּ וּמִצּוּ תוֹעֲדֵרוּחַ
כְּשַׂר וָפָחַת
שׁוֹכֵן בְּנַחַת
טְהוֹר עֵינַיִם

דִּיא גַּאנְצֶע וֶועלְט
גִּיט אִיהְם גֶעלְד
וַוייל גָאט הָאט אִיהְם לִיעבּ.
הָיינט א. ז. וו.

8.

וִויפִיל מָאהְל דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפֶען
וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט אִיז גֶעוֶועהְן פַארקֶעהְרְט
אִין עֶס אִיז קֵיינֶער פִין אִיהְם נִישְׁט אַנְטְלָאפֶען
אַ רֶבִּי צִיא זַיין הָאט עֶר נִישְׁט אויף גֶעהֶערְט
אִין אַ נְדָבָה וֶוען אֵיינֶער בֶּעט
עֶר שְׁטַארְבְּט פַאר הוּנְגֶער עֶר גֵייט שְׁעוּר אוּים
עֶנְפֶּערְט עֶר נִישְׁט קֵיין צְוֵוייא רֵייד
אַ וִוינְק צוּם גַּבְּאַי וַוארְפְּט עֶר אִיהְם שָׁאן אַרוּים
עֶס אִיז רֶעכְט זָאגְט אֵיעֶדֶער וֶוער דָאס הֶערְט
עֶר אִיז דֶעם רֶעבִּינְס גֶעלְד נִישְׁט וֶוערְטְה
עֶס אִיז אַלְדִינְג רֶעכְט
עֶס אִיז גָאר נִישְׁט שְׁלֶעכְט
וָואס דֶער רֶבִּי טִיט
דָאס אִיז דִיא מַעֲלָה
מֶען פְרֶעגְט קֵיין שַׁאֲלָה
אויף קֵיין גִיטֶן יוּד
הָיינט א. ז. וו.

9.

מֶען הָאט דָאךְ בֶּעשַׁאמְפֶּערְלִיךְ גֶעוֶעהְן
אַז גָאט אַלֵיין דֶעם רֶבִּין הִיט
וִויא אוּמְגְלִיקְלֶעךְ וָואלְט אֵיין אַנְדֶערְעֶר גֶעוֶועהְן
וֶוען אִיהְם דָאס טְרֶעפְט וָואס דֶעם גִיטֶע יוּד

וְכַסְפָּם יָזִילוּ
שַׁי יוֹבִילוּ
לֶאֱהוֹב שָׁמַיִם
הוֹי כִּי וְגוֹמֵר

ה

אָמְנָם לֹא אַחַת לֹא שְׁתַּיִם
לֹא בָאוּ דְבָרָיו וְשִׁכְרוּ
וְעַל מַעֲמָדוֹ אִישׁ שָׁמַיִם
תֵּת בּוֹ דֹפִי יִשְׁמֵרוּ
וּבְבוֹא עָנִי נְדָבָה קַחַת
קָרָהוּ אָסוֹן וָפֶגַע
מִבְּלִי הַשְׁמַע מִלָּה אַחַת
קוֹרֵץ לְגַחֲזִי לְהָדְפוֹ רָגַע
וְהַתָּם יֹאמְרוּ לֹא יַעֲשֶׂה רֶשַׁע
מִיָּקָר לְזוֹלֵל חֵטְא וָפֶשַׁע
אֵל יוֹדֵעַ
כָּל פּוֹרֵעַ
חוֹק יוֹצְרֵהוּ
לֹא יַחֲקוֹרוּ
אַךְ יִשְׁמוֹרוּ
נִיב שְׂפָתֵיהוּ
הוֹי כִּי וגומר .

ט

עֵדִים נֶאֱמָנִים כֻּלָּמוֹ
כִּי נֹכַח יְ֟ דַרְכֵּהוּ
כְּמִקְרֵה הַתָּם לוֹ קָרָמוֹ
מִי זֶה יְמַלֵּט אֶת נַפְשֵׁהוּ

מִיט פַּאלְטְשׁ פַּאפִּיר אַז מֶען הָאט אֵיינֶעם גֶחַאפְּט
אוֹי וְויא אוּמְגְלִיקְלֶעךְ אִיז דֶער מֶענְשׁ גֶעוֶועזֶען
אִין אַז מֶען הָאט דֶעם רֶבִּין הֶערְמִיט דֶערְטַאפְּט
אִיז אִיהְם דֶען עֶפִּיס חָלִילָה גֶעשֶׁעהֶן
גִיט נָאר אַכְטִינְג בֶּעטְרַאכְט נָאר קִינְדֶער
דֶעם רֶבִּינְס נִיסִים אִין זַיינֶע ווִינְדֶער !
אִיךְ בִּין גֶעוֶועזֶען
אִין הָאבּ גֶעזֶעהֶן
דָאס פַּאלְטְשֶׁע פַּאפִּיר
דֶער גִיטֶער יוּד
הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיט
קֵיין מָאהְל נִישְׁט פַּאר מִיר .
הַיינט א. ז. וו.

10.

אִין נָאךְ אֵיינֶע וָואס זִיא טִיט
אִין מֶען הַאלְט זִיא אַלְץ בֵּייא דֶעם רֶעבְּטֶען כָּבוֹד
מִיט דֶעם חָסִיד מִיט דֶעם פְּרִימֶען יוּד
אִיךְ קֶען אִיהְם עֶר הֵייסְט . . . . . . .
קֶען מֶען פַאַרשְׁטֵיין וָואס זִיא הָאט לִיעֶב
אַזַא שְׁוַוארְצֶער יוּד אַזַא מְאוּסָר.
אִין זִיא קְלַאפְּט אִין פֶענְסְטֶער בֵּייא זִיךְ אִין שְׁטִיבּ
אִין זִינְגְט נוּר . . . . . . זִסֶער.
אִין מֶען טָאר קֵיין שַׁאֲלוֹת גָאר נִישְׁט פְּרֶעגֶן
קֵיינֶער מָאר נִישְׁט אִין זַייא מֶעגֶען
וָוען אֵיין אַנְדֶער וַוייבֶּל
טְרָאגְט אַ הַייבֶּל
זָאגְט מֶען שָׁאן זִיא אִיז שְׁלֶעכְט

לְעֵת מְצֹא כֶּסֶף סִיגִים בֵּית גָּבֶר
הוי ! לָנֶצַח אוֹבֵד הַגֶּהוּ
וְלַתָּם לֹא קָרָה שׁוֹד וָשֶׁבֶר
אֵין אָסוֹן כִּי ה׳ שׁוֹמְרֵהוּ
שׁוּמוּ לִבְּכֶם עַל פְּעֻלָּתֵיהוּ
הֲלֹא נִפְלָאִים כָּל מַעֲשֵׂיהוּ
הֵן הָיִיתִי
גַּם רָאִיתִי
צְרוֹר סִיגֵיהוּ
כִּי קָנָנִי
גַּם עָשָׂנִי
נֶאֱמַן בֵּיתֵהוּ
הוי כי וגומר

י

וְגַם עַל הָאִשָּׁה בְּמַעֲשֶׂיהָ
לַחֲרוֹשׁ רָעָה מְאֹד יִירָאוּ
אֲהוּבַת אִישׁ תָּם הִנֶּהָ
. . . . . שְׁמוֹ יִקְרָאוּ
הֵן רָחֲקָה עֲצָתָהּ נֶעֱלָמָה
לֶאֱהוֹב אִישׁ בָּזוּי סְחִי לָעַיִן
. . . . . . תָּשִׁיר בִּדְמָמָה
טוֹבִים דוֹדֶיךָ לִי מִיַּיִן !
וְהָעָם רוֹאִים וּבַל יִשְׁאָלוּ
עֲשׂוֹת כָּמוֹהֶם אַךְ יֶחְדָּלוּ
בַּעֲדֶיהָ אֵשֶׁת
רַע הוֹרֶשֶׁת
קוֹרְאִים אַחֲרֶיהָ

אִין דָאם פְּרִימֶע וַוייבּ
מִיט דֶעם כָּשֵׁרֶן לַייבּ
וָואם זִיא טִיט אִיז רֶעכְט
הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעבִּיךְ אִין גְרוֹיסֶען אוּמְגְלִיק
גֶעמְט מִיךְ צִיא הַסִידִימְלִיךְ אִיךְ וִויל צִי אֵייךְ צוּרִיק

---

עֶנְדֶע

וְזֹאת הוֹלֶלֶת
כֹּל פּוֹעֶלֶת
וְתַמָּה הִנֶּהָ
הוֹי ! כִּי נְפִיגוֹתִי הוֹי נִדְהָמְתִּי !
סַפְּחוּנִי אַחַי כִּי נִחָמְתִּי !

---

תָּם

ית הספרים הלאומי
והאוניברסיטא
ירושלים